Agriculture and Markets

שפּייזונג פּראָגראַם פאַר עלטערע פאַרמער (SFMNP)
# דעקלעראַציע פון פּאַסיקייט

פילט אויס די פאָלגנדע רשימה. די ענטפערס וואָס איר גיט אין דער דאָזיקער רשימה זיינען ניט געפּאָדערט, און זיי וועלן ניט באַווירקן אייער מעגליכקייט צו באַקומען דעם SFNMP. די סטאַנדאַרטן פאַר זיך אָנטייל נעמען און באַקומען דעם SFNMP זיינען גלייך ביי אַלעמען, קיין חילוק ניט די ראַסע, קאָליר, נאַציאָנאַלער אָפּשטאַם, עלטער, גוף־פעלערן צי געשלעכט.

| עטנישער אָפּשטאַם (קלייבט אויס יאָ אָדער ניין) היספּאַניש אָדער לאַטינאָ? | | | ראַסע (קלייבט אויס איינע אָדער מערער) | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| יאָ | ניין | | אַמעריקאַנער אינדיאַנער אָדער אָריגינעלע אַלאַסקער | אַסיאַטער | שוואַרץ אָדער אַפּראָ־אַמעריקאַנער | אָריגינעלע האַוואייער אָדער פּאַציפיש אינדזלער | ווייס |
| | | | | | | | |

איך באַשטעטיק אַז:

I. איך בין:
   a. אַלט זעכציק יאָר אָדער מערער; און
   b. איך פאַרדין אַלע חודש פּונקט דעם סכום (אָדער ווייניקער) פון די פעדעראַלע תקנות וואָס ווערן אויסגערעכנט אין דעםSFMNP פּאָליסי מעמאָראַנדאָם 1-2023#.
      i. 2,248 דאָלער אַ חודש (אויב עס רעדט זיך פון אַ הויז־געזינד פון בלויז איין מענטש); אָדער
      ii. 3,041 דאָלער אַ חודש (פאַר אַ הויז געזינד פון צוויי מענטשן); אָדער
      iii. 3,833 דאָלער אַ חודש (פאַר אַ הויז געזינד פון דריי מענטשן); אָדער.

II. איך האָב ניט גקראָגן קיין SFMNP טשעקס פון קיין שום אַנדער מקור דעם יאָר.

III. מען האָט מיר מודיע געווען מיינע רעכט און התחייבות'ן אונטער דעם SFMNP. איך פאַרשטיי אַז איך האָב די מעגליכקייט צו אַפּילירן יעדער באַשלוס וואָס ווערט אָנגענומען דורך דעם אָרטיקן ביוראָ בנוגע מיין פּאַסיקייט פאַרן SFMNP.

IV. די אינפאָרמאַציע וואָס איך האָב געגעבן אויף פעסטצושטעלן מיין פּאַסיקייט איז ריכטיק, אויף וויפל איך ווייס. דער דאָקומענט ווערט אַריינגעגעבן בשייכות אויף צו קריגן פעדעראַלע הילף. די אָנגעשטעלטע פון פּראָגראַם קענען זוכן צו באַשטעטיקן אינפאָרמאַציע אויף דעם דאָקומענט. איך פאַרשטיי אַז געבן אַ פאַלשע אָדער פאַרפירערישע דעקלעראַציע בכוונה, אָדער בכוונה פאַרשטעלן פאַקטן אין אַ פאַלשן אופן, אָדער באַהאַלטן און פאַרשטעלן פאַקטן וועט גורם זיין צו צאָלן דעם שטאַט ביוראָ, אין מזומן, דעם ווערט פון דעם שפּייז געהילף וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן ניט ווי עס וואָלט באַדאַרפט צו זיין, און איך וועל זיין עלול צו ווערן געשטעלט פאַר אַ קרימינאַלן־געריכט לויט דעם שטאַט און פעדעראַלן געזעץ.

______________________ ______________________

**אונטערשריפט (אָנטייל נעמער)** **דאַטע**

****Internal Use Only****

Booklet Serial Number: __________________ Program/Agency Name: _______________________ Site ID: ______

Program/Agency Representative’s Name (Issuer): _______________________________________________________

**פּראָצעס פון שטעלן קלאָגן: פֿאַרשוועכונג פון בירגערישע רעכט**

בהתאם מיט דעם פעדעראַלן בירגערישע רעכט געזעץ און דעם יונייטעד סטעיטס אָפּטיילונג פון ערד ווירטשאַפט (USDA) בירגערישע רעכט רעגולאַציעס און כללים, די USDA, אירע אַגענטורן, קאַבינעטן און אַרבעטער, און מוסדות וואָס נעמען אָנטייל אין אָדער פירן דורך USDA פּראָגראַמען טאָרן ניט דיסקרימינירן לויט ראַסע, קאָליר, נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם, געשלעכט, גוף־פעלערן, עלטער, אָדער אַלס נקמה אָדער אָפּצאָל פאַר זיך אָנטייל נעמען אין סיי וועלכער טעטיקייט פון בירגערישע רעכט אין סיי וועלכן פּראָגראַם אָדער פעולות דורכגעפירט אָדער איסגעהאַלטן דורכן USDA.

מענטשן מיט גוף־פעלערן וועלכע נויטיקן זיך אַלטערניטיווע מיטלען פון קאָמוניקאַציע פאַר אינפאָרמאַציע איבער דעם פּראָגראַם (צ.ב.ש. ברייל, גרעסערע אותיות, רעקאָרדירטע מאטעריאַל, סימנים שפּראַך א.ד.ג.) זאָלן שטיין אין פאַרבונד מיטן ביוראָ (שטאַטס צי אָרטיק) וואו זיי האָבן זיך פאַרשריבן אויף צו באַקומען דעם געהילף.  מענטשן וואָס זיינען טויב, אָדער האָבן שוועריקייטן אין הערן אָדער איןריידן, קענען זיך פאַרבינדן מיטן USDA דורכן פעדעראַל רילעי סערוויס אויף 877-8339 (800).  בנוסף, אינפאָרמאַציע פאַרן פּראָגראַם קען געשטעלט ווערן אין אַנדערע שפּראַכן אַחוץ ענגליש.

אויף אַריינצוגעבן אַ קלאָגע איבער דיסקרימינאַציע, פילט אויס דעם USDA פּראָגראַם דיסקרימינאַציע קלאָגע דאָקומענט, (AD-3027) וועלכן מ׳קען טרעפן אויפן אינטערנעט: https://www.usda.gov/oascr/how-to-file-a-program-discrimination-complaint, און אין יעדער USDA ביוראָ, אָדער שרייבט אַ בריוו צום USDA און גיט אין דעם בריוו די אַלע אינפאָרמאַציע וואָס ווערט געפאָדערט אין דעם דאָקומענט. אויף צו בעטן אַן עקזעמפּליאַר פון דעם קלאָגע דאָקומענט, קלינגט 632-9992 (866). שיקט אַריין אייער אויסגעפילטן דאָקומענט אָדער בריוו צום USDA דורך:

(1) פּאָסט: U.S. Department of Agriculture
Office of the Assistant Secretary for Civil Rights
1400 Independence Avenue, SW
Washington, D.C. 20250-9410;

(2) פאַקס: (202) 690-7442; אָדער

(3) בליצפּאָסט: program.intake@usda.gov.

דער מוסד שטעלט צו גלייכע מעגליכקייטן פאַר אַלעמען.